# א. סוצקעווער



## שאַגאַלישער גאָרטן

הינטערן טויער, אין אַכצנקאַראַטיקע טויען
באָדט זיך דײַן כּלה.
ציטערדיק שווימט זי אַרײַן אין פּאַליטרע מיט בלויע באַלזאַמען
צוזאַמען.
ס׳ווערט דײַן חזיון אַ גאָרטן. אָ, נאַכט נאַכטיגאַלע!

ס׳קושן זיך פֿאַרבן. דײַן פּענדזל — אַליין:
אַ האָמונקולוס
איבערן מילכוועג פֿון לײַוונט,
קאַפּויער דאָס קעפּל.
ס׳גיבן אים איבער פֿאַררייטלטע סודות
מיידלשע, וואַרעמע עפּל.
זײַנע קאָלירן באַפֿרײַען דאָס גוטס, וואָס דער גאָרטן
באַהאַלט אין אַ נעפּל.

## דער וועג צום גן־עדן

פֿון אַלע באַלאָרבערטע בילדער אין לוּווּר
(יאָרהונדערטער פֿירן צוזאַמען אַ וואַנט מיט אַ וואַנט),
באַגלייט מיך אַ פּנים־אָן־הויט פֿונעם גורל:
די קו מיט איר פֿליישיק־צעשפּאָלטענער ברוסט — פֿון רעמבראַנדט.

ניט אַנדערש:
אַרײַנגעזויפֿט האָט דער געוואַלדיקער האָלענדער
אַמאָל זײַנע גילדענע כּוסות מיט פֿאַרבן,
די ווײַנען געהיימע,
און פּלוצעם דערזען אין זײַן שיכּורן שאַרבן
אַ תּליה.
עס הענגט אַ בהמה.
און אָט איז פֿאַראייביקט זײַן חלום דער...

געלייגט אויפֿן יאַטקעקלאָץ האָט ער זײַן חלום, געשונדן
אַנטפּלעקן זיך זאָל דער קאָליר פֿון בהמישן מו.
און תּפֿילה געטאָן, און באַשלאָגן דעם לײַוונט מיט וווּנדן,
כּדי ס׳זאָל אַרײַנגיין אין לוּוור־גן־עדן —
די קו.

## איך ווייס שוין דעם טעם...

איך ווייס שוין דעם טעם פֿון די שנייען אין קילימאַנדזשאַראָ.
זיי האָבן דעם ריח פֿון היימישער חלה
געטונקען אין רויכיקן זאַלץ. און פֿאַרפֿרוירן
אין זייערע מײַלער אַן אײַזיקער זונפֿאַרגאַנג הויערט
בײַ טאָג און בײַ נאַכט, און די לופֿט איז געטעסעט פֿון מירמל...

## אַקאָרד

מיט איינציקן פֿינגער
(די אַנדערע הינטער אַ וואָלקן
אים זענען מקנא) —
שפּילט זון אויף דער פּיאַנע
פֿון בייניקע, צייניקע כוואַליעס.
אַ פֿינגער, וואָס וויל ניט פֿאַרגיין
מיט דער קאָסמישער דלאָניע.
אַ זילבערנער פֿליפֿיש
פֿאַרשלינגט אים באַנאַנד מיט מײַן גראַם,
צו ברענגען דעם פּערל,
וואָס ווערט איצט געבוירן אין ים,
אַן אַקאָרד פֿון דער לעצטער סימפֿאָניע.

ווען סטראַדיוואַריוס האָט דערפֿילט: באַשערט איז אים צו שניצן
די לעצטע פֿידל — איז ער אין אַ שטורעמנאַכט, אַ גרויער
אַוועק אין וואַלד, געבויגן אויף אַ שטעקן.
ווי ברענענדיקע סמיטשיקעס באַפֿאַלן אים די בליצן.
ער קניט פֿאַר יעדן בוים, לייגט־צו זײַן אָטעמדיקן אויער:
אָ, וועלכער אויסדערוויילטער בוים אַצינד וועט אים אַנטפּלעקן
די גרויסע הערונג, אַז פֿון זײַן געהילץ די לעצטע פֿידל
זאָל שניצן סטראַדיוואַריוס ערבֿ גסיסה?
עס וויינט אין אים דער צער פֿון מינדסטן זאָמען קלאַנג. צער־גידול־
מוזיק, ווי ער אַליין וואָלט פֿון אַ תּפֿיסה
באַפֿרײַט זײַן טויט באַנאַנד מיט ריינסטע קלאַנגען.
מחילה בעט ער בײַ די שאָטנס, וואָס ער האָט גזלניש
אַראָפּגעזוגט די קעפּ, כּדי צו פֿאַנגען
דעם נאַכטיגאַל, ער זאָל אַרײַן אין פֿידל און סימפֿאָניש
מגלה זײַן דעם טרויער פֿון אַ בוים נאָך ערשטן רעגן,
בשעת אַנטלויפֿן קאָן ער ניט ווען אים באַפֿאַלן זעגן...

מיט אײַזערנעראון קאַלטער הענטשקע וואַרפֿט אים אום דער שטורעם.
אַ וואָלקן שטייט צוקאָפּנס מיט אַ רידל.
און סטראַדיוואַריוס קוים
ער שעפּטשעט: אויסדערוויילטער בוים,
צעזעג מײַן גוף — דעם ווײנענדיקן פֿורעם,
און שניץ פֿון מיר, און מיט מײַן בלוט באַמאָל — די לעצטע פֿידל.

# אַ חלום

ס'האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך קום
צווישן אַזאַ פֿאָלק ווו קיינער איז נאָך ניט געשטאָרבן.
קיין מאָל איז דאָרט ניט געווען קיין קרבן.
יעדער זויגקינד איז אַ מתושלח.
ס'קעניגט נאָך דער זעלבער קלוגער מלך
פֿונעם דור, וואָס פֿאַרן ערשטן מבול.
גיט זיך נאָר אַן איַינוווינער אַ גראַבל
אין זכּרון —
זענען איַינגעפּאַסט אין אים, ווי שטערן, זייַנע יאָרן.
אייביקייט איז זייַן טאָג-טעגלעך ברויט.

צווישן אָט דעם פֿאָלק בין איך דער איינציקער משוגענער,
וואָס אין זייַנע טעמפּלען און געמאַרקן
זאָג איך אָן די בשׂורה: מענטשן, כ'האָב געזען דעם טויט!

ניט קיין טרערן. ס'פֿאַלן פֿון די ריזנאויגן שטיינער.
עולם-גולם. קיינער גלייבט ניט, קיינער.

דעמאָלט הייבט זייַן האַנט דער קעניג,
צווינגט דעם פּעבל שווייַגן:
— פֿרעמדער, דייַנם מייַן קעניגרייַך, אויב וועסט מיך איבערצייַגן!